בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת דברים, שבת חזון, שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א,ביים שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551


נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691


www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169


גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# שבת קודש פרשת דברים, שבת חזון, שנת תשפ"א לפרט קטן אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק; סימנים: תשפח, תשפט, תשצ, תשצא, תשצב.

[הערה פון די מוציאים לאור: אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט איבער גע'חזר'ט ביים שיעור רוב זאכן וואס ער האט שוין גערעדט פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה ביים באטע, דערפאר האבן מיר דא געשריבן אויך וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביים באטע].

## סִימָן תשפח

דֶעמָאלְט וֶוען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט דָאס לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיג סֵפֶר אוּן בִּפְרַט וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דֶערִין אַ חִידוּשׁ, אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן זַיין חִידוּשׁ וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִינֶעם לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ, אוּן גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אִיר ווילְט, נָאר פוּן אֵיין סְעִיף קָטָן פוּן שֻׁלְחָן־עָרוּךְ נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן!"

## סִימָן תשפט

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל מֶעג מֶען מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשִׁים, אָבֶער מֶען זָאל נִישְׁט דוּרְכְדֶעם מְחַדֵּשׁ זַיין קַיין נֵייעֶ דִינִים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ עֶנְק שׁוֹין גֶעגֶעבְן אַ גוּטֶע שֵׂכֶל אוּן עֶטְץ קֶענְטְס שׁוֹין מְחַדֵּשׁ זַיין". וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בְּעִיּוּן בִּיז עֶר וֶועט שׁוֹין מְחַדֵּשׁ זַיין דֶערִין חִידוּשֵׁי דְאוֹרַיְיתָא!

## סִימָן תשצ

פון וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פון לֶעמְבֶּערְג פְּלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֵיין שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן, כְּדֵי צוּ שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט פַאר זַיין גֶעזוּנְט, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן מִיטְגֵיין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן. אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין זֵייעֶר שְׁטַייט צוּלִיבּ זַיין גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט. אוּן אוֹיפְ׳ן וֶועג פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת מִיט גְרוֹיס נְעִימוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פון דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אִין אָנְהֵייבּ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָאס שְׁפַּאצִיר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג גֶעדוֹיעֶרְן עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון זַיין הֵיילִיג סֵפֶר אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה עֶס צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ.

### סִימָן תשצא

אֵיינְמָאל אִין אֵיינֶע פון דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע טֶעג פון חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן, אַזוֹי ווִי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן פון גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט בַּיים וַואנְט פוּנֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת הַגָּדוֹל, אוֹיף דָרוֹם זַייט, נֶעבְּן אַ שְׁטִיק הָאלְץ וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַלְס יְסוֹד פוּנֶעם בִּנְיָן.

[מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר (הַגָּה אוֹת ז) אַז דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט יֶעדֶעס מָאל זִיצְן אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אַמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן אַרוּם דֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת אוֹיף דָרוֹם זַייט, אַמָאל אוֹיף צָפוֹן זַייט, אמאל אוֹיף מִזְרָח זַייט אוּן אַמָאל אוֹיף מַעֲרִיב זַייט; אוּן אַפָּאר מָאל אִיז עֶר

גֶעזִיצְן אִינֶעם הוֹיף פוּנֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת; אוּן אַפָּאר מָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אוֹיפְ'ן בַּארְג וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אַרוּם דֶעם שְׁטָאט; אוּן אַפָּאר מָאל הָאט עֶר סְתַּם אַרוּמְשְׁפַּאצִירְט פָארְנְט פוּנֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת. אוּן בַּיי דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע פָּארְכְטִיגֶע חִידוּשִׁים אוּן הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן].

## מען האט ליב א רבי

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: מען זעט דא אז מען האט ליב א רבי, מען לעבט מיט א רבי, דעמאלט געדענקט מען אלע איינצלהייטן ארום די שיחות, אזוי ווי דא שטייט צוגעצייכנט פונקטליך דעם פלאץ וואו דער רבי האט זיך אראפגעזעצט; און אזוי הערט מען שטענדיג פון די עלטערע אידן וואס דערציילן וואס זיי האבן מיטגעלעבט ביים הייליגן סאטמאר רבי זכותו יגן עלינו ווי זיי דערציילן איבער פונקטליך וואו דער רבי איז געזיצן, און אלע אנדערע איינצלהייטן ארום די מעשיות.

אוּן רֶעדְנְדִיג פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז זֵיי דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן זַיין מִתְנַגְדִים אוֹיף אִים. אוּן הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ, שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים - אִין צְוֵוייעֶן (דָאס מֵיינְט, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן פַאר זַיין כָּבוֹד אוּן הָאט אוּנְז אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי וָואס בְּלָאנְדְזְשֶׁען - בֵּיידֶע סָארְטְן, סֵיי פוּן דִי וָואס בְּלָאנְדְזְשֶׁען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס זֶענֶען דִי גוֹיִם אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן סֵיי פוּן דִי וָואס בְּלָאנְדְזְשֶׁען אַז זֵיי זֶענֶען מִתְנַגְדִים אוֹיף אִים)". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן וואוּנְדֶער: "אוֹיף מִיר וָואלְט אִיר גֶעקְרִיגְט?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דֶעמָאלְט מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶטְץ וֵוייסְטְס נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְלָאזְט

עֶנְק אוֹיף מִיר וַוייל אִיךְ וֵוייס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". און דֶער רֶבִּי הָאט דַאן דֶערְמַאנְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'". און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיךְ דַארְפְט עֶטְץ עֶנְק פְרֵייעֶן אַז עֶטְס הָאטְס זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא רֶבִּי!" און דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דֶעם מַאֲמָר [אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י]: ""מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת וְכוּ'", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ און זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, עַיֵּין שָׁם.

## דריי זאכן וואס זענען אנגעהאנגען איינס אינעם אנדערן

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דעם מאמר פון רבי'ן האב איך געלערנט איינמאל און נאכאמאל, איך האב עס געלערנט צענדליגער מאל, עס איז א קליינע מאמר אבער עס איז זייער יסודות'דיג, מוהרא"ש ברענגט עס פילע מאל אין אשר בנחל.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט איבערגעזאגט דער תמצית פון דעם מאמר; דער רבי זאגט דארט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פארוואס זענען מענטשן אזוי געפאלן ביי זיך און זענען נישט נאנט צום אייבערשטן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", ווייל מען האט נישט קיין ישוב הדעת - מען טראכט נישט פון תכלית; "וְהָעִקָּר - לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאַזַי בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'", דער עיקר דארף מען זיך בארעכענען יעדן טאג און זיך פרעגן: 'וואס? וואס איז דער תכלית פון אלע תאוות און אלע נארישקייטן, ווי כבוד וכדומה, וואס וועל איך האבן פון נאכלויפן אלע

מיינע גליסטענישן? עס בלייבט דאך גארנישט איבער פונעם מענטש, נאר דאס ביסל עבודת השם יתברך וואס א מענטש כאפט אריין בזה העולם, אז מען טראכט אריין מיט א קלארע קאפ זעט מען אז אלעס איז טאקע נארישקייטן און מען קערט זיך צוריק צום אייבערשטן.

זאגט אבער דער רבי ווייטער, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו ישוב הדעת און צו א קלארע מח צו וויסן וואס מען האט צו טון אויף דער וועלט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל־יְדֵי מָרָה־שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל־כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", ווען מען איז נישט פרייליך, ווען מען איז דערשראקן און אנגעצויגן - קען מען נישט טראכטן גוטע זאכן, מען קען נישט טראכטן גוט, מען טראכט א גאנצן צייט נאר שלעכטע מחשבות. "רַק עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אבער אז מען איז פרייליך דעמאלט איז דער מח ברייט אפן און נישט מצומצם קען מען בייגן די מחשבות צו טראכטן גוט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ, שֶׁעַל־יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן־חוֹרִין וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", אזוי ווי עס שטייט (ישעיה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מיט שמחה גייט מען ארויס, ווייל א פרייליכער מענטש איז פריי, פריי פון אלע פארמאכטקייטן, אזוי קומט מען צו ישוב הדעת און מען ווערט אן ערליכער איד.

זאגט אבער דער רבי, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו שמחה, מען זאל ווערן פרייליך? "וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא עַל־יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל־כָּל־פָּנִים, כַּמְבֹאָר עַל פָּסוּק: אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי (בְּלִקּוּטֵי הָרִאשׁוֹן, בְּסִימָן רפב), עַיֵּן שָׁם", דורך דעם וואס מען טרעפט אין זיך אביסל גוטס, א נקודה טובה וואס מען האט גוט געטון, דורך דעם קען מען פרייליך ווערן און ארויסקריכן פון אלע שלעכטע מעשים.

דער רבי זאגט דא דריי זאכן וואס זענען אנגעהאנגען איינס אינעם אנדערן; מען קען נישט זיין קיין ערליכער איד אויב מען האט נישט קיין

ישוב הדעת, זוכה זיין צו ישוב הדעת דארף מען זיין פרייליך, און זוכה זיין צו זיין פרייליך דארף מען טרעפן אין זיך עפעס גוטס וואס מען האט געטון.

זאגט דער רבי וויטער: "וְעַל־כָּל־פָּנִים יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִין: בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְהִבְדִּילָנוּ וְכוּ׳ וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת וְכוּ׳. מִכָּל זֶה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה רָאוּי לוֹ לִקַּח לוֹ שִׂמְחָה לְשַׂמֵּחַ דַּעְתּוֹ כַּנַּ"ל", דער עיקר דארף מען זיך פרייען מיט דעם אז 'איך בין באשאפן געווארן א איד, איך בין נישט א גוי', אפילו איך האב נישט מיט וואס צו זיין פרייליך, פריי איך זיך מיט דעם וואס איך בין א איד און נישט קיין גוי.

## דאס איז מיין טייערע קאר...

א איד דארף זיך מחיה זיין און זיך פרייען מיט יעדע נקודה טובה, מיט יעדע קלייניקייט וואס ער טוט, איך פריי זיך מיט מיין 'בארד', איך פריי זיך מיט מיין 'פיאות', איך פריי זיך מיט מיין 'ציצית', איך פריי זיך מיט מיין 'קאפל', איך פריי זיך אז איך בין 'א איד' - דאס ברענגט צו מען זאל זוכה זיין צו באקומען ישוב הדעת.

איין טאג זענען ארויפגעקומען צו מיר א פאר-פאלק, און די פרוי דערציילט מיר אז זייט זיי האבן זיך אריינגעצויגן אין א נייע דירה, איז איר מאן אריינגעפאלן אין א טיפע דעפרעסיע, ווייל יעדער מענטש האט עפעס א חלום וואס דאס מאכט אים פרייליך, א בחור טראכט אז ער גייט שוין חתונה האבן, נאך די חתונה טראכט מען איך גיי האבן א קאר, א הויז, און מען בויעט אזוי לאנג א הויז, ווען עס קומט שוין צום זיך אריינציען דערין 'וואס איז יעצט?!' מען האט שוין נישט אויף וואס ארויסצוקוקן אויף וויטער וואס זאל מאכן פרייליך דאס לעבן, דערפאר איז ער געווארן זייער דעפרעסט, ער ברעכט און קען נישט

שלאפן ביינאכט וכו׳; זאגט דער ראש ישיבה שליט״א: פון די אלע זאכן קען מען אראפפאלן, דאס ענדיגט זיך אמאל, אבער ברוך השם איך פריי זיך מיט מיין ציצית, דאס איז מיין טייערע קאר... ברוך השם איך פריי זיך מיט מיין תפילין וכו׳ וכו׳ - וואס פון דעם קען מען קיינמאל נישט אראפפאלן, מיט דעם קען מען זיך שטענדיג פרייען, ווייל דאס ענדיגט זיך קיינמאל נישט.

## סִימָן תשצב

לֵיל שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא: הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: ״בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?״ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ וֶוער אַסאךְ מָאל זֵייעֶר פְּרוּם [עֶרְנְסְט]״, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ״. דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה [אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז]: ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, ״כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד״, וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר טֵייעֶר, עַיֵין שָׁם. אוּן דָארְט שְׁטֵייט אוֹיךְ אַז דִי יִרְאָה, וָואס מֶען רוּפְט ״פְּרוּם״, וֶוערְט נִתְעַלָּה דוּרְךְ דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען מִיט דֶעם הֵיילִיגְן שִׂיחָה, אוּן הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן בִּפְרַט רֶבִּי נָתָן זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג אוּם שַׁבָּת, אוּן זֵיי זָאלְן פַארְמֶערְן מִיט פַארְגֶענִיגְנְס אוּם שַׁבָּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (בֵּיצָה טז.): ״כָּל הוֹצָאוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין חוּץ מֵהוֹצָאוֹת שֶׁל שַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וְכוּ׳״, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְשֶׁעט פוּנֶעם יָאר, אוֹיסֶער דָאס גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס פַאר הוֹצָאוֹת שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב״. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט׳עֶר בַּעַל הַבַּיִת אִיז אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת מִיט זַיין פִישׁ אוּן זוּפִּיצֶא!״

## 'זוּפִּיצֶא'

מוהרא"ש שרייבט דא (הגה אות י) אז 'זוּפִּיצֶא' מיינט א שיינע קלייד לכבוד שבת, און אין שיחות הר"ן (סימן קנה) – דפוס היכל הקודש, שרייבט מוהרא"ש (הגה אות ב) אז 'זוּפִּיצֶא' מיינט 'מרק', דאס איז זופ; אוןביידע זענען ריכטיג, דער רבי האט מכוון געווען צו ביידע.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן פוּן וָואס צוּ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה!" וִויבַּאלְד דֶער רֶבִּי הָאט אִים שְׁטַארְקְן פָארְגֶעהַאלְטְן עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת, קֶען אִים דָאס זֶעלְבְּס אַרָאפְּוַוארְפְן חַס וְשָׁלוֹם אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אַז עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה דָאס מְקַיֵּים זַיין, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. (אוּן בֶּאֱמֶת הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעטְרָאפְן צוּ רֶבִּי נָתָן'ס מַחֲשָׁבָה, וַוייל גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַאֲמָר אוּן שְׁמוּעֶס פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָארְגְן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוּם שַׁבָּת). אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן פוּן וָואס צוּ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה!" – מִיט דֶעם הָאט אִים דֶער רֶבִּי שְׁטַארְק בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעטְרֵייסְט אַז עֶר זָאל עַל כָּל פָּנִים נִישְׁט הָאבְּן קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַז עֶר אִיז מְחוּיָּב צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אוֹיךְ, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעפָאדֶערְט רֶבִּי נָתָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת – הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת". (זַיין כַּוָּונָה אִיז גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הָאט עֶר כָאטְשׁ אַ ווִילְן אוּן אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ). הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "אִיר הָאט גֶעהֶערְט וָואס עֶר זָאגְט...?"

## דער קעניג איז אונטערוועגנס

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: מיר שטייען יעצט אין

שבת חזון; מענטשן מאכן א גרויסער טעות זיי מיינען אז היינט איז א טרויערדיגע טאג און מען ווארט שוין אז דאס זאל אריבערגיין, עס זאל שוין ווערן ׳שבת נחמו׳, אבער אז מען קוקט אריין וואס די צדיקים זאגן זעט מען אז ׳שבת חזון׳ איז א גרעסערע שבת פון ׳שבת נחמו׳, קען זיין דיר איז באקוועמער ׳שבת נחמו׳, ווייל דעמאלט קומסטו זיך צוזאם מיט מוזיק וכו׳, אבער באמת איז היינט דער גרעסטער שבת.

עס איז אזוי א קעניג וואס סתם אזוי אינמיטן יאר קען נישט יעדער צוקומען צו אים און רעדן מיט אים, אבער ווען דער קעניג איז אונטערוועגנס קען יעדער איינער צוקומען און רעדן מיט אים, דאס זעלבע איז ביים אייבערשטן, א מענטש שפירט זיך ווייט פונעם אייבערשטן, ער שפירט ווי ער קען נישט נאנט ווערן צום אייבערשטן, קען ער אין די דריי וואכן – וואס דער אייבערשטער איז כביכול אונטערוועגנס, ער איז פארטריבן פון זיין פאלאץ – צוקומען צום אייבערשטן, און נאנט ווערן צו אים.

עס איז דא געוויסע פלעצער וואס דעם שבת טוט מען זיך נישט אן שבת׳דיגע קליידער, און מען זינגט ביי ׳לְכָה דוֹדִי׳ דעם ניגון וואס מען זינגט אויף ״אֱלִי צִיּוֹן וְעָרֶיהָ״, ביי געוויסע מענטשן איז דאס זייער גאנצע חיות... אבער ביי חסידים איז דער שבת זייער א פרייליכע שבת, מען טוט נישט קיין שום זאך פון אבילות.

## ווייַנען קען חס ושלום צוברענגען צו עבירות רחמנא לצלן

און בכלל זענען דא מענטשן וואס לערנען אפ די גאנצע זאך פון טרויערן זייער פאלש, מען האט ליב דאס געפיל פון טרויערן שטענדיג, אבער דער רבי זאגט זייער שארף דערויף, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק ב, סימן מח): ״כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא־אָחֳרָא (זוהר נח דף עא), וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", עצבות קומט פון די סטרא אחרא און דער אייבערשטער האט דאס פיינט!

וויינען נישט אויף די ריכטיגע וועג קען חס ושלום צוברענגען צו עבירות רחמנא לצלן, אזוי ווי תוספות (קידושין פ: דיבור המתחיל כי ההיא מעשה) ברענגט א מעשה, עס איז געווען אן אלמנה וואס פלעגט גיין יעדן טאג אין בית החיים וויינען און קלאגן ביים קבר פון איר מאן, דארט אין בית החיים איז געווען שומר וואס געווען געשטעלט פונעם קעניג ער זאל היטן אויף א מענטש וואס מען האט אים געהאנגען ביים בית החיים, איז ער געקומען צו די אלמנה און איבערגערעדט צו טון אן עבירה און זיך האב צוגעהערט צו אים און זיי האבן געזינדיגט רחמנא לצלן. ווען ער איז צוריק געקומען פון זינדיגן האט דער שומר נישט געטראפן דעם געהאנגענעם מענטש און האט געהאט גרויס צער אלס שרעק פונען קעניג, האט די אלמנה אים געזאגט: "זארג זיך נישט, נעם ארויס מיין מאן פון זיין קבר און הענג אים אנשטאט יענעם"; זעט מען פון דעם אז וויינען ברענגט נישט קיין גוטס, די אלמנה איז יעדן טאג געקומען וויינען ביים קבר פון איר מאן, און דאס האט צוגעברענגט זי זאל נכשל ווערן אין אן עבירה רחמנא לצלן.

## וויינען איז זייער א איידעלע זאך

דאס וואס מיר קלאגן אום תשעה באב איז נישט וויינען פון פארלוירנקייט אדער פון שרעק 'וואס וועט זיין?' נאר מיר וויינען צום אייבערשטן און מיר בעטן אז ער זאל שוין צוריק אויפבויען דעם בית המקדש. וויינען קומט פון 'התבודדות', מען וויינט צום אייבערשטן אז מען וויל זיין אן ערליכער איד, אבער סתם וויינען פון פארלוירנקייט וכדומה - איז זייער נישט קיין גוטע זאך.

היינט איז געווארן א נייע זאך, מענטשן האבן ליב צו וויינען, עס

קומען ארויס נייע סידי׳ס פון גראמען און ניגונים וואס מאכן וויינען; בחורים נעמען צוזאם גראמען פון בדחנים וואס מאכן וויינען, און מחותנ׳סטעס זוכן ספעציעל אויף א בדחן וואס וועט קענען מאכן וויינען דעם עולם, ווען איך הער א בדחן ביי א חתונה, ווילאנג ער רעדט נאך אז דער מחותן שטייט אויף פארטאגס און געבט ארויס ספרים - קען איך דאס נאך אויסהאלטן, אבער איינמאל ער הייבט אן זאגן א משל און א נמשל פון א קעניג... ער מאכט וויינען דעם עולם - לויף איך ארויס פון זאל, דאס מאכט מיר איבלען. מען קען נישט וויינען סתם אזוי, וויינען איז זייער א איידעלע זאך.

אין אנהייב ווען מיר האבן אנגעהויבן ארויסגעבן סידי׳ס פון נגינה, האט מיר מוהרא״ש געזאגט איך זאל ארויסצוגעבן סידי׳ס וואס ענטהאלט לעבעדיגע פרייליכע ניגונים; מוהרא״ש האט געזאגט: די אלע התעוררות׳דיגע ניגונים וואס מאכן וויינען - דאס איז גוט פאר א מענטש וואס האט נישט קיין דיבורים ווען ער רעדט צום אייבערשטן, זאל ער זינגען די ניגונים צום אייבערשטן: ״הייליגער באשעפער איך וויל זיין אן ערליכער איד״, אבער דער עיקר דארף מען הערן נאר פרייליכע ניגונים צו זיין שטענדיג פרייליך.

## זיך עקלן פונעם גוי טמא

עס קומען ארויס נייע סידי׳ס מיט וויינעדיגע גראמען, מען גראמט אויס די צווייטע וועלט מלחמה, דאס האט נישט קיין שום פשט, ווייל מילא דו ברענגסט ארויס דאס מסירת נפש פון אונזערע עלטערן ווי זיי האבן פרובירט אין די צייטן מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטן, ווען זיי האבן געזען דאס טויט פאר זייערע אויגן און מיט דעם אלעם האבן זיי מקיים געווען מצות סוכה וכו׳ - איז דאס א גוטע זאך; אדער ברענגסטו ארויס וואס גוים זענען, אז זיי האבן געהרג׳עט און פארברענט אונזערע זיידעס און באבעס, און מיר זאלן זיך אפלערנען פון דעם זיך עקלן פונעם

גוי – איז דאס זייער א גוטע זאך, ווייל דאס דארפן מיר ארײנלייגן אין אונזערע קינדער זיי זאלן זיך עקלן פונעם גוי טמא. פארוואס שניידן קינדער בארד און פיאות, מען זעט ליידער לעצטנס אינגעלייט פון היימישע שטובער זיך צופיצן די בארד, ער שניידט פון די זייט און די זייט, וואו האט ער עס געזען? אויב שטאמט ער פון א משפחה וואו מען שניידט זיך בארד און פיאות איז איין זאך, אבער ער שטאמט דאך פון א משפחה וואו יעדער גייט מיט בארד און פיאות, פארוואס זאל אים בייפאלן עס אפצושניידן? נאר דאס קומט ווייל ער וויל זיך מיט דעם געפעלן צו די גוים, איז זייער גוט ער זאל וויסן וואס א גוי איז, וואס זיי האבן געטון פאר אונזערע עלטערן, זאך ער זיך פאר'מיאוס'ן פון זיי, אבער סתם גראמען און זינגען פון די מלחמה אן קיין שום תוכן – דאס הייסט סתם ליצנות געמאכט פון מענטשן.

בעפאר דער ראש ישיבה שליט"א האט ממשיך געווען דעם שטיקל, האט ער געזאגט: "דאס איז זייער א וויכטיגע שטיקל צו לערנען, וואס רעדט זיך ווי אזוי צו מאכן שבת'דיגע סעודות".

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶע'מוּסָר'ט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי זָאלְן זִינְגֶען אַסַאךְ זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס זִיצְן בַּיים טִישׁ אוּן ווִילְן נִישְׁט זִינְגֶען, נָאר זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט, אוּן פִירְן אַלֶע סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וַוייל דֶער עִיקָר אוּם שַׁבָּת אִיז דָאס שִׂמְחָה.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל דָאס עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אוּן דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמָה. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה [אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יט] וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן תְּמִימוּת אוּן דָאס

זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חֲקִירוֹת וְכוּ׳. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לָאזְט אָפּ דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ עֲבוֹדוֹת פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, אוּן זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳ - קוּמְט מֶען צוּם סוֹף אָן צוּ חֲקִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוֹת, וַוייל דָאס עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז זַיין אַ ׳תָּם וְיָשָׁר וִירֵא אֱלֹקִים׳.

## דער יסוד אין אידישקייט

זעט מען דא א מורא׳דיגע זאך, וואס האט ער דען געטון? נישט געזינגען זמירות! זאגט דער רבי אז דאס קען חס ושלום צוברענגען ער זאל אפלאזן אלעס און ארייַנפאלן צו חקירות און אפיקורסת רחמנא לצלן. דער צדיק ווייסט וואס איז דער יסוד אין אידישקייט, וואס אויב מען איז מזלזל אין דעם קען מען חס ושלום אינגאנצן אוועקפאלן פונעם אייבערשטן השם ישמרינו, דערפאר דארף מען זען צו זינגען פרייליכערהייט די זמירות.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דֶעם רֶבִּי יוֹסְל, וָואס אִיז דֶער אֵיידֶעם פוּן רֶבִּי יַעֲקֹב, וַוייל עֶר קֶען זָאגְן אַסַאךְ!״ [אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווָאוֹינְט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד, מִיטְ׳ן נָאמֶען רֶבִּי יוֹסְל, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג גָאר אַסַאךְ תְּהִלִּים, תְּחִנּוֹת, בַּקָשׁוֹת אוּן מַעֲמָדוֹת וְכוּ׳. אַ גַאנְצְן טָאג הָאט עֶר נָאר גֶעזָאגְט אוּן גֶעזָאגְט וָואס אִיז אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הֶענְט: חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, עֵין יַעֲקֹב וְכוּ׳. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט זַיין תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוֹת]. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן אֱמוּנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז פְּשִׁיטוֹת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ הֶעכֶער פוּן אַלֶעם אוּן אִיז פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטוּת.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט

פון תְּמִימוּת און אֱמוּנָה בִּפְשִׁיטוּת, נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קַיין חֲקִירוֹת, און נִישְׁט אַרַיינְצוּקוּקְן אִין דִי סְפָרִים פון חֲקִירָה, נָאר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס אָן שׁוּם חֲקִירוֹת. [דֶער רֶבִּי הָאט מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִין דֶעם שִׂיחָה, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן לב) עַיֵין שָׁם]. און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט: בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, און דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת און חֲקִירוֹת, נָאר זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַזוֹי וִוי פְּרוֹיעֶן און פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

## אומאן ראש השנה

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: איך קען שוין נישט טראכטן פון תשעה באב מיין גאנצע קאפ טראכט שוין פון אומאן, מיר גרייטן זיך שוין צו פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה.

האט איינער פון אנשי שלומינו געזאגט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א: עס זענען דא מענטשן וואס פארן שוין קיין אומאן, ווייל מען ווייסט נישט אויב מען וועט נאך קענען פארן אין די וואך פאר ראש השנה, אפשר וועט אוקריינא מער נישט אריינלאזן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: איך פאר נאכנישט קיין אומאן, איך וואוין נישט אין אומאן, איך רוף מיין טרעוול אגענט א וואך פאר ראש השנה און איך פרעג אים אויב מען קען פארן, אויב קען מען פארן - פאר איך מיט די גרעסטע שמחה, און אויב נישט - בלייב איך דא מיט די גרעסטע שמחה, אויף דעם איז געזאגט געווארן וואס מוהרא"ש האט געזאגט: ווען דער רבי וואלט נישט געהייסן קומען אויף ראש השנה, וואלט איך געווען דער ערשטער נישט צו פארן אויף ראש השנה". און וואס קענען מיר יא יעצט טון כדי צו קענען זיין ראש השנה אין אומאן? איין זאך; בעטן דעם אייבערשטן און נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן!

האט איינער געפרעגט אז אמאליגע צייטן ווען מען האט נישט געקענט קיין מיט קיין פליגער פלעגט מען דאך זיך יא ארויסלאזן א לענגערע צייט פאר ראש השנה? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: אמאל איז אזוי געווען די סדר מיט אלעם, אפילו צו שאפן א פעקל ברויט האט מען אויך גענדארפט פעלן פון שטוב א לענגערע צייט, מען האט גענדארפט פארן מיט א שיף, אבער היינט טוט מען נישט אזעלכע זאכן.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: איך מאך יעדן טאג התבודדות, איך שמועס זיך אויס מיט'ן אייבערשטן איך זאל וויסן דעם אמת וואס צו טון, צי איך זאל זיך יא ארויסלאזן פריער קיין אומאן אדער נישט. אבער איך בין זיכער ביי מיר אז מוהרא"ש וואלט נישט געפארן א חודש פאר ראש השנה כדי צו זיין דארט אויף ראש השנה, איך קען דיר דאס אונטערשרייבן, אז דו פארשטייסט עס נישט, אז דו ביסט צעמישט דערין קען איך אפילו שרייבן א בריוו דערפון, עס קלאר מסביר זיין דו זאלסט עס פארשטיין.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: איך האב נישט קיין חרטה פאר'ן נישט זיין פאריאר ראש השנה אין אומאן.

## "אוּמַאן אִיז סוֹף הָעוֹלָם!"

עס זענען דא מענטשן וואס זענען שוין אין אומאן, עטליכע ישיבות זענען שוין אהין געפארן, מען רופט מיר יעדן טאג איך זאל קומען זיי מחזק זיין... זאלסטו וויסן, עס איז גארנשט דא וואס צו זוכן אין אומאן, דער רבי האט געזאגט: "אוּמַאן אִיז סוֹף הָעוֹלָם!" עס איז די ערגסטע פלאץ אויף דער וועלט, מען האט נישט וואס צו זוכן סתם אזוי, אז דער רבי האט געהייסן קומען פארט מען אהין א וואך פאר ראש השנה, נישט פריער.

בכלל וואס איז דא צו ווערן אויסער זיך אז מען קען נישט גיין קיין

אומאן? וואס האט מען געטון אין די צייטן פונעם בית המקדש ווען איינער האט נישט געקענט ארויפגיין עולה רגל זיין, אדער היינטיגע טעג ווען מיר האבן ליידער נישט דעם בית המקדש, וואס טוען מיר אז מיר קענען נישט ארויפגיין עולה רגל זיין? מען ווערט אויס מענטש?! איין זאך דארף מען טון, בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען זיין אין אומאן.

עס זענען דא וואס ניצן אן עצה צו קענען פארן קיין אומאן זיי פארשאפן זיך פאפירן צו ווערן אן אוקריינא׳ער בירגער; אבער איך האב גארנישט מיט אוקריינא, איך ווער נישט קיין אוקריינא בירגער, דער רבי האט געהייסן קומען, קומט מען, אבער איך האב גארנישט מיט זיי, איך ווער נישט זייערס א בירגער.

און דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט צו איינער פון אנשי שלומינו: אז דו ווילסט פארן קענסטו פארן, דו ווערסט נישט מיין מִתְנַגֵּד אז דו פארסט יעצט, אבער איך זאג דיר וואס מוהרא״ש וואלט געזאגט אין דעם פאל.

## איינער פארשטייט וואס ער זאגט?...

דער מנהל ר׳ ... נרו יאיר האט מיר געגעבן צו הערן א מעסעדזש וואס איינער האט איבערגעלאזט אינעם האטליין ׳קול ברסלב׳, מען הערט ווי א משפיע אין ברסלב שטעלט זיך אויף און איז מוחה אויף מיר, ער זאגט: עס איז דא א אינגערמאן וואס נעמט א שיחה פון רבי׳ן, שיחות הר״ן סימן עו, און זאגט אז מען קען זאגן און זאגן משניות און גמרא, ער נעמט עס נאך פון זיין מורה דרך, פון מוהרא״ש, און יעדן טאג קומען פאר אין זיין ישיבה סיומים, ער זאגט אז מען קען מיט דעם שיחה ראטעווען אלע בחורים, מען קען מיט דעם ראטעווען דעם דור, אבער דאס איז נישט ריכטיג, - זאגט דער ראש ישיבה שליט״א: איך

וואלט שוין אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, אבער ער זאגט ווייטער: וואס איז יא די עצה צו ראטעווען דעם דור? - האב איך ווייטער געוואלט הערן וואס פאר אן עצה ער געבט, זאגט ער ווייטער: קיינער קען נישט ראטעווען דעם דור, נאר דער רבי, אזוי ווי דער האט געזאגט אין ספורי מעשיות (מעשה יג, דעם זעקסטן טאג): "און אִיךְ הֵייל זֵי", שיחה עו קען נישט ראטעווען דעם דור, נאר דער רבי... - פרעגט דער ראש ישיבה שליט"א: איינער פארשטייט וואס ער זאגט?...

## יעדער איינער האט א חלק אין הפצה

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט א שיינע שיחה איבער דעם ענין פון הפצה: יעדער איינער וואס האט שייכות מיט די קהלה האט א חלק אין הפצה, אין פארשפרייטן דעם רבי'ן אין די וועלט, צי ער וויל יא, צי ער וויל נישט, האט ער א חלק אין הפצה, צום ביישפיל א מלמד אינעם תלמוד תורה וואס איז זיין הפצה? דאס אליינס אז עס איז דא א תלמוד תורה וואו מען לייגט אריין דעם רבי'נס לימודים מיט א שטארקייט אין די קינדער דאס איז א גרויסע הפצה, ווייל בעפאר מיר האבן געעפענט די ישיבה איז געווען א מורא'דיגע בושה צו זיין א ברסלב'ער, אפילו די תלמידים פון מוהרא"ש וואס האבן געברענט צום רבי'ן, האבן זייערע קינדער אבער נישט געוואלט וויסן פון ברסלב, [דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע נעמען פון מפיצים און אנשי שלומינו וואס זייערע קינדער האבן נישט געוואלט וויסן פון ברסלב, זיך שעמענדיג פון דאס ווארט 'ברסלב'] אבער אז מיר האבן א חדר וואו די קינדער לעבן מיט אמונת חכמים, מיט'ן רבי'ן - איז דא אויך הפצה.

## די באבע וואס שטייט אין קאך און מאכט א קוגל

עס איז אזוי ווי א מחלמה שיף וואס פארט ארויס מלחמה האלטן

מיט׳ן שונא, און עס איז געלונגען פאר׳ן גענעראל צו באזיגן דעם שונא, איז יעדער וואס איז אויפ׳ן שיף האט א חלק אין דעם זיג, ווייל ווען נישט יעדער איז דארט וואלט ער נישט אנגעקומען צו אזא הצלחה, אפילו די באבע וואס שטייט אין קאך און מאכט א קוגל – האט אויך א חלק דערין, ווייל ווען נישט עס איז דא עסן וואלט מען נישט געקענט באזיגן, אזוי איז עס מיט הפצה, אלע וואס האבן עפעס א שייכות מיט די קהלה, מיט סיי וואס פאר א ענין, האט ער א חלק אין די הפצה, אין פארשפרייטן דעם רבי׳ן פאר די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.